שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

## 'חדש ימינו – חנוכה'

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

מאמר י"ב

חודש כסלו שנת תשפ"ג לפ"ק

# פרנס החודש

נתנדב על ידי ידידינו הנכבד, רודף צדקה וחסד ולא מחזיק
טיבותא לנפשיה, אוהב תורה ולומדיה
ה"ה

## מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

## לרגל נשואי בנו למעז"ט בשעטו"מ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה שהזיווג יעלה יפה יפה,
ויזכה לראות דורות ישרים ומוברכים, בנים ובני בנים עוסקים
בתורה ובמצוות, תענוג ונחת דקדושה כל הימים.


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9


~ ~ ~


נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א



©

כל הזכיות שמורות

**למכון דורשי יחודך**



נסדר לדפוס ע"י:

ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


ליכטיג אין אלע עולמות! ........................................ א
ערצייגן גילויים נפלאים פון אלע קושיות ........................ א
דער אור פון בית-המקדש וואס איז נישט פאַרלאָשן געווארן! ...... ג
מלמד שלא שינה ........................................ ד
"מִי שֶׁמִּסְטוֹרִין שֶׁלִּי אֶצְלוֹ, הֵם בָּנַי!" ........................ ה
ההרגש שבתורה בפנימיות לבות בני ישראל ........................ ז
געווען קלאר אין ש"ס אזוי ווי "אשרי"... ........................ ט
'אַביסעלע' אפיקורסות - 'אַסאַך' פאַרדאָרבן! ........................ יא
געגאנגען שפילן אינמיטן דער עבודה... ........................ יג
געגאנגען מיט א ריינע אמונה! ........................ יג
די 'סתרי תורה' וואס איז אנטפלעקט געווארן זינט חנוכה! ........ יד
חנוכה - אַן אור וואס שיינט א גאנץ יאר! ........................ טז
דאס אונטערשייד צווישן דעם איד מיטן גוי ........................ יז
האלטן טייער א חידוש פון א איד! ........................ יט
דער קלימאקס פון דעם 'תענוג עולם הבא' ........................ כ
דער שורש פון א אידישע נשמה ........................ כב
געשריגן לאנגע שעה'ן... ........................ כג
ווערן זעלבסט א חנוכה ליכטל ........................ כה
נישט געזעהן קיין וועג ארויס ........................ כו
זיך באנייען 1,080 מאל א שעה! ........................ כז
לאָז נישט דיין 'עָבַר' צעשטערן דיין 'עתיד'! ........................ ל
חנוכה - א זמן פון זיך באנייען! ........................ לא

# מאמר י"ב

## חדש ימינו - חנוכה

### ליכטיג אין אלע עולמות!

"**ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ**"! ברשות מורי ורבותי חביריי וידידיי, איך וויל בעטן דעם אויבערשטן ער זאל אונז אריינשיינען אַן הארה פון התחדשות.

איך האב דאס שוין געזאגט כמה פעמים דעם חנוכה, און די זעלבע ווערטער דארף מען איבערזאגן מיט א התחדשות - "חדש ימינו". עס איז ידוע אין די ספרים[א] - און עס איז דא אסאך לימודים אויף דעם, אז דער אור פון נר חנוכה דאס איז דער אור פון 'תורה שבעל פה' וואס באלייכט אונז אין גלות, און דאס וועט טלוען עד ביאת הגואל בכח דער סוד פון חנוכה! די הייליגע אורות פון הדלקת נר חנוכה וואס עס טרייסלט אין אלע עולמות און עס ווערט ליכטיג אין אלע עולמות פון וואס אידן שטייען און מען צינדט אָן דעם נר חנוכה 'למטה מעשרה' און מען איז מקיים מצות חז"ל, אט דאס איז דער סוד פון תורה שבעל פה וואס שיינט אין גלות.

### ערצייגן גילויים נפלאים פון אלע קושיות

מען זעהט טאקע, עס איז דאך דא אזויפיל מצוות פון תורה שבעל פה (שמברכין עליהן "וצוונו"), אבער עם-כל-זה, די שאלה פון "היכן צוונו"

---

**א.** עי' ספה"ק ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ז, אות כ"ח: "**עתה בתוקף הגלות חמל ה' יתברך עלינו ותיקן לנו להדליק נר חנוכה להמשיך הארה זאת בחינת שלימות התורה שבכתב על ידי תורה שבעל פה גם למטה למטה להאיר לכל**

פרעגט די גמרא[ב] נאר ביי חנוכה! אין דעם סוד פון **"לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ"**[ג] דארטן ליגט דאך דער גאנצער סוד פון תורה שבעל פה![ד]

תורה שבעל פה איז 'מלכות'[ה], 'לבנה'; מיט דעם כח וואס מען האלט זיך אין 'תורה שבעל פה' בימי הגלות וועט טאקע זיין לעתיד **"וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה"**[ו], די תורה שבעל פה וועט אזויפיל שיינען, אלע דברים תמוהים וועלן ווערן אזעלכע גילויים נפלאים, אזעלכע סודות נפלאים, אז עס וועט מאכן ליכטיג נישט נאר די גילויים אליין, נאר די גאנצע תורה שבעל פה וועט עס מאכן ליכטיג - אפילו אין נגלה, פון די אלע קשיות וואס איז דא וועט ווערן

---

**הירודים שהם בתוקף העשיה"**, עכלה"ק. גם עי' בספה"ק "בני יששכר" על חנוכה - מאמר ב', ג', ד'. ובספה"ק "פרי צדיק" על חנוכה, אות א', ועו"ש (עי' עוד להלן).

**ב.** שבת כ"ג ע"א: "מאי מברך? מברך אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה. **והיכן צונו?** רב אויא אמר מ'**לא תסור**'. רב נחמיה אמר, 'שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך'".

**ג.** דברים יז, יא.

**ד.** עי' שיש"ק (פוילן) - חנוכה, אות מ"ו: "סיפר הרב"צ אסטראוווער ז"ל ששמע מהגה"ק בעל ה"חידושי הרי"ם" זצ"ל שאמר ע"ד הגמ' בסוגיא דכבתה (שבת כ"ג) מקשה "והיכן צונו" וכו'. **ולכאורה צ"ל דלמה לא מקשה הגמ' כן על שאר מצות דרבנן כמו מקרא מגילה בפורים, ונטילת ידים?** רק הענין הוא דכל מצוות דרבנן המה גדר וסייג לדאורייתא כמו פורים למחיית עמלק, ונט"י לטהרה, ועי"כ יש להם שפיר סמך מן התורה אולם חנוכה אין לו שום סמך ועיקר מן התורה, לכן מקשה היכן צונו. וסיים הגה"ק זי"ע בחיבה רבה, על מצות חנוכה בזה"ל 'ס'איז טאקי "כי טובים דודך מיין"' עכלה"ק". גם עי' בספה"ק "פרי צדיק" - לחנוכה, אות ב': "הטעם ששאלו בגמרא (שבת כג.) והיכן צונו כו', **ולמה שאלו רק על מצות נר חנוכה ולא שאלו על שאר מצות דרבנן כמו מקרא מגילה ועירובין שמברכים גם כן אשר קדשנו במצותיו וצונו היכן צונו?**. רק דשם יש להמצוה שורש גם כן בתורה מה שאין כן מצות נר חנוכה שהיא רק מצות זקנים כאמור" עיי"ש. גם עיי"ש אות ז'.

**ה.** תיקוני זוהר דף יז.

**ו.** ישעי ל, כו.

גילויים נפלאים. ווייל יעדע קשיא איז א מקור צו א געוואלדיגער גילוי, און דאס וועט ווערן לעתיד, דער תורה שבעל פה וועט שיינען "והיה אור הלבנה כאור החמה".

## דער אור פון בית-המקדש וואס איז נישט פאַרלאָשן געווארן!

עס איז טאקע אינטערעסאנט, דער אור החנוכה דאס איז דאך אַן אור פון דעם בית המקדש וואס איז נישט פארלאשן געווארן, עס איז נמשך געווארן (לעולמי עד); דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר אהרן'ען הכהן אז עס וועט זיין "לעולם", אזוי ווי דער רמב"ן[ז] זאגט דאך, אז עס גייט אויף נר חנוכה. דאס ליכט (בשרשו) איז פון דעם בית המקדש, און די מנורה פון דעם בית המקדש דאס איז די חכמת התורה וואס דאס גייט אויף תורה שבעל פה[ח].

---

ז. במדבר ח, ב, וזל"ש: "וראיתי עוד בילמדנו (תנחומא בהעלותך ה) וכן במדרש רבה (טו ו), אמר לו הקב"ה למשה, לך אמור לאהרן אל תתירא, לגדולה מזאת אתה מוכן, הקרבנות כל זמן שבית המקדש קיים הן נוהגין, אבל הנרות לעולם אל מול פני המנורה יאירו, וכל הברכות שנתתי לך לברך את בני אינן בטלין לעולם. והנה דבר ידוע שכשאין בית המקדש קיים והקרבנות בטלין מפני חורבנו אף הנרות בטלות, **אבל לא רמזו אלא לנרות חנוכת חשמונאי שהיא נוהגת אף לאחר חורבן בגלותנו** וכן ברכת כהנים הסמוכה לחנוכת הנשיאים נוהגת לעולם, דרשו סמוכין לחנוכת הנשיאים מלפניה ומלאחריה בכבודו של אהרן שלא נמנה עמהם".

ח. עי' ספה"ק "פרי צדיק" לחנוכה, אות א': ענין הדלקת הנרות, העיקר שזכה שלו ניתן הכח להאיר אור תורה שבעל פה שהוא ענין בא והאיר לפני. **וזה הכח ניתן לאהרן להופיע ולהאיר בלב כל ישראל אור תורה שבעל פה על ידי הדלקת נרות המקדש.** ...וכן זה עיקר ענין נרות חנוכה וכמו שכתב הרמב"ן על מה שאמרו במדרש רבה אבל הנרות לעולם הא באמת גם נרות בית המקדש הם רק בזמן שבית המקדש היה קיים כמו הקרבנות וכתב שלא רמזו אלא לנרות של חנוכת בית חשמונאי והביא ממדרש שכך כתב והם לעולם. **והיינו שנרות חנוכה הם גם כן להאיר אור תורה שבעל פה** ועיקר נס חנוכה ומצותה בא על ידי כהניך הקדושים שהם המאירים אור זה בלב ישראל".

## מלמד שלא שינה

עס שטייט: "**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן**"[ט]. לכאורה איז א מילתא דפשיטא אז "ויעש כן אהרן"? זאגט די גמרא[י]: "**מלמד שלא שינה**". זאגט דער אר"י הקדוש[יא] אז ער האט יא משנה געווען; ער האט משנה געווען - ווייל אזוי ווי משה האט געלערנט 'נגלות התורה', האט ער אויך געלערנט מיט די יחידי הדורות 'נסתרות התורה דאִתְאֲמר בלחישא'. האט ער געלערנט מיט אים דעם סוד פון דער מנורה וואספארא כוונות מען דארף מכוון זיין אין די עולמות העליונים בשעת וואס ער איז 'מדליק את המנורה'. איז אזוי ווי ווען משה רבינו האט געלערנט 'תורה שבנגלה' האט ער מגלה געווען די לימודים ווי אזוי מען איז מחדש בתורה, אזוי אויך האט ער געלערנט מיט אים 'נסתר' ווי אזוי מען איז מחדש בתורה.

איז אהרן האט מחדש געווען א 'חידוש' אין די כוונות וואס דאס האט משה מיט אים נישט געלערנט. האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה'ן: "מלמד על אהרן שלא שינה", ער איז א תלמיד חכם, ער האט גוט מחדש געווען, אט דאס האב איך געוואלט! אט די כוונה האב איך געוואלט, איך האב געוואלט אז דאס זאל 'ער' מחדש זיין, אט דאס איז 'תורה שבעל פה'. דאס איז פשט: "מלמד שלא שינה" – איי, ער האט דאך יא משנה געווען? אבער דער 'שינה' דאס איז תורת אמת, דאס איז תורה מסיני![יב]

---

**ט.** במדבר ח, ג.

**י.** ספרי ח' ה'

**יא.** בשער הפסוקים פר' בהעלותך.

**יב.** עי' "פרי צדיק" שם: "וזהו שנאמר ויעש כן אהרן אל מול וגו', ופירש"י מספרי **להגיד שבחו של אהרן שלא שינה ולא מצינו שיכתוב כן הכתוב על שום קרבן ומצוה.** רק דקאי על ענין עומק מכוון הנרות שהוא להאיר אור תורה שבעל פה בלבות ישראל ולא נתפרש בציווי רק ברמז. וזה נשאר לעולמי עד שעיקר תורה שבעל פה ניתן לכהנים וכמו שנאמר 'ובאת אל הכהנים הלוים' וגו', 'על פי התורה אשר יורוך' וגו'".

## "מִי שֶׁמִּסְטוֹרִין שֶׁלִּי אֶצְלוֹ, הֵם בָּנַי!"

בכלל, די תורה שבעל פה איז דאך א 'סוד עליון'. עס שטייט[יג], אז 'לעתיד' וועט דער אויבערשטער פרעגן "ווער האט מיינע 'מסטורין'?" (- באהעלטענישן) - דאס ליגט אין אידישע נשמות! די מסטורין פון דער תורה הקדושה דאס איז דער עיקר תורה – 'תורה שבעל פה'; אָן תורה שבעל פה איז אינגאנצן נישטא קיין פשט אין תורה שבכתב[יד].

דער רמב"ם זאגט אין די הקדמה[טו]: אז די תורה שניתנה מסיני – 'בפירושה ניתנה'. און דאס איז וואס די גמרא זאגט[טז], די 'סדר משנה'

---

**יג.** מדרש תנחומא פר' כי תשא, פר' ל"ד: "א"ר יהודה בר שלום, כשאמר הקב"ה למשה 'כתב לך' ביקש משה שתהא המשנה בכתב ולפי שצפה הקב"ה שאומות העולם עתידין לתרגם את התורה ולהיות קוראין בה יונית והם אומרים אנו ישראל ועד עכשיו המאזנים מעוין **אמר להם הקב"ה לעכו"ם אתם אומרים שאתם בני, איני יודע אלא מי שמסטורין שלי אצלו הם בני**, ואיזו היא? זו המשנה שניתנה על פה, והכל ממך לדרוש".

**יד.** עי' בליקוטי הלכות הל' קידושין ה"ג, אות י"ח: "**תורה שבכתב בלא תורה שבעל פה גם כן אינו כלום** כי אין יודעין משום מצוה מהתורה שבכתב לבד, כי שום דין ממצות תפלין לא נאמר בתורה רק 'וקשרתם' וכו', ואין יודעים אם על הקיבורת אם על כף היד כנראה מפשט הכתוב, כי בודאי בלא הקבלה של תורה שבעל פה לא היה עולה על הדעת לפרש 'וקשרתם לאות על ידך', על מקום הקיבורת דייקא כמו שהוא באמת, וכן 'והיו לטוטפת' לא היינו יודעים שמרמז על ארבעה בתים, וכן כל דיני התפילין שיהיו של עור דייקא ותפורים בגידין וקשורים ברצועות ושינין של תפילין ושאר דיניהם, וכן כל דיני המצוות בודאי אי אפשר לידע שום מצוה מתורה שבכתב לבד. **ועל כן מי שכופר בדבר אחד מדברי סופרים הוא אפיקורוס לכל התורה כולה כמו הקראים שדינם עכשיו כעכו"ם לכל דבריהם**, כי מאחר שכופרים בתורה שבעל פה אין להם חלק גם בתורה שבכתב, כי אין יודעין שום דבר מתורה שבכתב בלא תורה שבעל פה, כי אין אחד בלא חבירו כנ"ל".

**טו.** לפירוש המשניות.

**טז.** עירובין נ"ד ע"ב: "כיצד סדר המשנה?" וכו'. וברש"י: "כיצד למדו ישראל תורה שבעל פה?" וכו' עיי"ש.

איז געווען, אז משה רבינו האט דאס איבערגעזאגט, און נאך דעם האט עס אהרן איבערגעזאגט, און דערנאך די בני אהרן, און דערנאך די זקנים. 'נמצא' אז יעדער איד האט עס געהערט פיר מאל. און אמאל איז געווען זכרונות; אז מען האט געהערט פיר מאל א פרק האט מען עס געדענקט! און דאס האט זיך געצויגן פערציג יאר נאכאנאנד, ביז ער האט איבערגעגעבן די גאנצע תורה.

די גמרא[יז] זאגט, אז ביז רבי יהודה בן תימא האט מען געלערנט 'זעקס הונדערט' סדרי משנה; אנדערע זאגן 'זיבן הונדערט' - עס איז א גמרא אין חגיגה דאכט זיך.

על-כל-פנים, אזוי ווי משה רבינו האט איבערגעגעבן דער תורה שבעל פה, האט ער איבערגעגעבן דער נשמה פון תורה שבעל פה, דעם אור פון 'תורה שבעל פה'! א יעדע זאך אפילו א דבר רוחני האט דאך א גוף מיט א נשמה! די נועם וואס אידן שפירן אין תורה שבעל פה, די נועם וואס מען שפירט באמיתת הדברים, "**אוֹרַיְיתָא מֵחָכְמָה דִּלְעֵילָּא נַפְקַת**"[יח], און דאס איז דער רצון הבורא! דאס איז דער דעת הבורא! די דרכי הלימוד וואס מיר האבן מקבל געווען, דאס האבן מיר מקבל געווען מסיני, און דאס איז דער ריכטיגער לעבן, און דאס איז 'רצון הבורא', און דאס איז 'דעת הבורא', און דאס דערלאנגט 'עד אין סוף'! אזוי ווי דער רבי זאגט אין דער תורה "ימי חנוכה"[יט], אז **אויף יעדן הלכה וועט מען זעהן לעתיד אזעלכע השגות אלקות – 'בלי קץ'! דאס וועט זיין 'זיו השכינה', דער 'שׂיא** (- הויכפונקט) **התענוג'!**

---

**יז.** חגיגה יד.

**יח.** זוה"ק יתרו פה.

**יט.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ב', ושם באות ב': "**ההלכות שזוכין ללמוד, בפרט מי שזוכה לחדש בהם, זה בחינת שעשוע עולם הבא**, בבחינת (נדה עג): 'כל השונה הלכות בכל יום, מובטח לו שהוא בן העולם הבא'. כי כשנתחדש הלכה, נתחדש שכל וידיעה, והדעת הוא עיקר שעשוע עולם הבא".

קומט אויס אז עס איז דא די תורה - און עס איז דא דער 'אור התורה', דער 'נועם התורה', וואס דאס איז דא אין יעדן אידן, און דאס איז מען מקבל פון די תורה און מען שפירט עס אין די תורה!

אזוי ווי חז"ל[כ] זאגן אז דער אויבערשטער האט מגלה געווען משה רבינו'ן **"כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש"** און עס איז דא אפילו א חז"ל אז א גוטע קשיא וואס א תלמיד ותיק וועט פרעגן וואס די קשיא הייסט א קשיא 'לאמיתו של תורה' האט דער אויבערשטער אויך געזאגט פאר משה רבינו 'מסיני', איז די זעלבע זאך, די סגנון התורה ווי אזוי מען האט געלערנט אין יעדן דור, דאס האט דער אויבערשטער אויך איבערגעגעבן מסיני. אין יעדן דור האט מען געלערנט מיט אַן אנדער סארט סגנון, מיט א אנדערער סארט תהליך (- צוגאנג) 'לפי הנשמות שבדור'.

## ההרגש שבתורה בפנימיות לבות בני ישראל

עס איז דא א גמרא אין תענית[כא]: **"שלשה שאלו שלא כהוגן. לשנים - השיבוהו כהוגן, לאחד - השיבוהו שלא כהוגן"**. ווער זענען געווען די שלשה?

א] "אליעזר עבד אברהם" שאל שלא כהוגן (כמ"ש:) **"וְהָיָה הַנַּעֲרָה אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיהָ הַטִּי נָא כַדֵּךְ"** וגו' - זי וועט האבן די סימנים, זי וועט אים זאגן **"וְגַם גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה - אֹתָהּ הֹכַחְתָּ"**. וואס? דו בעטסט שלא כהוגן - שמא שנוא, שמא חיגרת, שמא סומא. אבער דער אויבערשטער האט אים געענטפערט כהוגן, ער האט אים ארויסגענומען רבקה אמנו.

ב] "שאול בן קיש" האט געזאגט: **"וְהָיָה הָאִישׁ אֲשֶׁר יַכֶּנּוּ"** - דער וואס וועט קלאפן דעם גָּלְיַת הפלשתי - **"יַעְשְׁרֶנּוּ הַמֶּלֶךְ עֹשֶׁר גָּדוֹל**

---

**כ.** עירובין שם.

**כא.** דף ד.

**וְאֶת בִּתּוֹ יִתֶּן לוֹ**". שמא עבד? שמא ממזר? ווי אזוי זאגסטו אזא ווארט? איז שאול שָׁאַל שלא כהוגן און דער אויבערשטער האט אים געענפערט 'כהוגן', עס איז געקומען דוד.

ג] "יפתח" האט געבעטן 'שלא כהוגן' - אבער עס איז ארויס 'בתו', א טאכטער קען מען נישט מקריב זיין פאר קיין קרבן[כב].

איז רש"י פרעגט א קשיא דארטן, לכאורה איז דאך דא ארבעה ששאלו שלא כהוגן. 'כלב בן יפונה' האט געזאגט[כג]: "**אֲשֶׁר יַכֶּה אֶת קִרְיַת סֵפֶר וּלְכָדָהּ וְנָתַתִּי לוֹ אֶת עַכְסָה בִתִּי לְאִשָּׁה**". 'שמא עבד', 'שמא ממזר' וואס דו טארסט נישט נעמען? ווי אזוי זאגסטו אזא זאך? זאגט רש"י, אז די גמרא לערנט פשט, אז "אשר יכה קרית ספר ולכדה" מיינט, אז יענער וועט מזכיר זיין די הלכות שנשתכחו בימי אבלו של משה[כד] -

כלב בן יפונה איז געווען פון די מקבלי התורה, ער איז געשטאנען ביים בארג סיני, און אים האט געקלעמט אז עס איז פארגעסן געווארן די דריי טויזנט הלכות 'בימי אבלו של משה'. ווען מען האט מקבל געווען די תורה אין די פערציג יאר, האט מען מקבל געווען די י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן - די גזירה שוה'ס (וכו'), וואס נאר די מוסמכים זיי האבן עס געקענט דרש'נען.

האט כלב געזאגט, דער וואס וועט עס מגלה זיין און וועט עס מחזיר זיין בפלפולו, דעם נעם איך פאר אַן איידעם. איז געקומען

---

**כב.** עי' שופטים י"א, מה שנדר יפתח: "וְהָיָה הַיּוֹצֵא אֲשֶׁר יֵצֵא מִדַּלְתֵי בֵיתִי לִקְרָאתִי בְּשׁוּבִי בְשָׁלוֹם מִבְּנֵי עַמּוֹן וְהָיָה לַה' וְהַעֲלִיתִהוּ עוֹלָה. וַיַּעֲבֹר יִפְתָּח אֶל בְּנֵי עַמּוֹן לְהִלָּחֶם בָּם וַיִּתְּנֵם ה' בְּיָדוֹ ...וַיָּבֹא יִפְתָּח הַמִּצְפָּה אֶל בֵּיתוֹ וְהִנֵּה בִתּוֹ יֹצֵאת לִקְרָאתוֹ בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלוֹת וְרַק הִיא יְחִידָה אֵין לוֹ מִמֶּנּוּ בֵּן אוֹ בַת. וַיְהִי כִרְאוֹתוֹ אוֹתָהּ וַיִּקְרַע אֶת בְּגָדָיו וַיֹּאמֶר אֲהָהּ בִּתִּי הַכְרֵעַ הִכְרַעְתִּנִי וְאַתְּ הָיִית בְּעֹכְרָי וְאָנֹכִי פָּצִיתִי פִי אֶל ה' וְלֹא אוּכַל לָשׁוּב" וכו', עיי"ש.

**כג.** יהושע טו, טז.

**כד.** עי' גמ' תמורה טז.

עתניאל בן קנז און אלץ מחזיר געווען בפלפולו מיט די גזירה שוה'ס מיט די קל וחומר'ס מיט די בנין אב'ס, מיט די דקדוקי סופרים. האבן אלע מקבלי התורה זיך דערמאנט - 'יא אזוי האט מען געהערט פון משה'ן!'

איז רש"י זאגט, אפילו מען קען די אלע דרשות - אפילו מען איז א מוסמך, אבער מען דארף צו דעם האבן רוח הקודש, און אט דער רוח הקודש איז נישט שורה אויף קיין ממזר און קיין עבד, ממילא איז ער געווען א שואל כהוגן. אלע חכמי הדור האבן דאך געזעהן אז ער האט מחזיר געווען די הלכות 'שנשתכחו בימי אבלו של משה' דורך די 'י"ג מידות שהתורה נדרשת' און דורך די 'ל"ב מידות'. איז דאס גייט צוזאמען מיט רוח הקודש, און דאס איז דער אויבערשטער נישט מַשרה אויף קיין עבד און קיין ממזר, נאר אויף א מיוחד שבישראל. זעהט מען דאך אז צו לימוד התורה איז דא א הרגש, א חיות, א נעימות אין תורה, וואס דאס ליגט אין אלע אידישע הערצער.

## געווען קלאר אין ש"ס אזוי ווי "אשרי"...

דער "מאירי"[כה] זאגט אַן אינטערעסאנטע זאך, די זאך פון דרש'נען די תורה האט זיך געצויגן ביז 'סוף התנאים'. די אמוראים זענען שוין אנדערע נשמות, זיי האבן זיך געקענט מפלפל זיין אין די דברי התנאים, דאס איז געווען זייער זאך, זיי האבן געקענט לערנען די 'דברי התנאים' און זיך מפלפל זיין אין די דברי התנאים - און זאגן אז 'די' משנה איז 'הכא במאי עסקינן', און אז 'דאס' איז 'די' הלכה, און 'דאס' איז 'דאס' - מכח וואס זיי האבן געוואוסט ווי אזוי צו לערנען. אונז קענען נישט אזוי לערנען, אונז קענען נישט זאגן אין א משנה 'הכא במאי עסקינן', זיי האבן עס געקענט. אט דאס איז דער לימוד פון 'תלמוד' פון די הייליגע אמוראים, זיי האבן געהאט באזונדערע נשמות פון גוט אפלערנען די דברי התנאים.

---

**כה.** עי' הקדמה לבית הבחירה על מסכת אבות.

עס ווערט געברענגט אַן אינטערעסאנטע זאך אין "ריטב"א"[כו], אז דער אויבערשטער האט געוויזן פאר משה'ן א משנה צו א פרק מיט מ"ט פנים ווי אזוי מען קען עס דורכלערנען. האט משה רבינו געזאגט: 'רבונו של עולם, מען קען עס לערנען אויף מ"ט אופנים - אויף יעדן אופן, עס איז פלאי פלאות! (אויף יעדן אופן קוקט דאך אויס אז) דער הכרח איז אז מען מוז אזוי לערנען - קומט א צווייטער אויף א צווייטן אופן - איז ווי אזוי וועט זיין דער הלכה?' האט דער אויבערשטער געזאגט, 'דאס געהערט צו די חכמי הדור זיי זאלן זיך מפלפל זיין – "והלכה כרבים"!'

דער טור זאגט[כז], "**וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ**" [- "היא תורה שבעל פה!"] עס ליגט ביי אונז א באהאלטענעם רוח הקודש וואס מען האט מקבל געווען ווי מען לערנט און ווי אזוי מען לערנט.

עס איז דא א ווארט - רש"י זאגט[כח]: "**אין המקרא הזה אומר אלא דרשוני כמו שדרשו רז"ל - בשביל התורה שנקרא ראשית ובשביל ישראל שנקרא ראשית**". זאגט ער, "דער מקרא זאגט 'דרשוני'" - אז דו זעהסט א שוועריקייט אין א פסוק, זאגט דאס 'דרשני'; אבער דו זאלסט נישט אויפמאכן קיין דרשות, נאר גיי נאך די דברי חז"ל ווי אזוי מען דארף דאס דרש'ענען; מיר האבן מקבל געווען ווי אזוי מען דארף דאס דרש'נע'ן – 'בשביל התורה שנקרא ראשית, ובשביל ישראל שנקרא ראשית' - ווי די חכמים האבן דאס גע'דרש'נט – "כמו שדרשו רבותינו". דער וואס איז 'כדעת חכמינו' ער קען דרש'נען די תורה, און אזא תורה איז תורה מסיני.

איז דער מאירי[כט] זאגט, אז ווען רב אשי האט חותם געווען דעם 'תלמוד' [בבלי] און ער האט עס פארשריבן און עס האט זיך

**כו.** עי' ריטב"א עירובין י"ג:

**כז.** או"ח סי' קל"ט.

**כח.** רש"י בראשית ב, א.

**כט.** שם.

געענדיגט די תקופת האמוראים, האבן די רבנן סבוראי מיט די גאונים געוואוסט אזוי גוט פשט אין יעדעס שטיקל גמרא מיט אזא מין בהירות, אז ווען איינער מאכט דעמאלטס א פירוש אויף ש"ס, איז אזוי ווי איינער זאל היינט איבערטייטשן ש"ס פון עברי טייטש... עס איז געווען אזוי קלאר, עס וואלט געווען א דבר מיותר לגמרי. זיי האבן געוואוסט פשט אין יעדעס שטיקל גמרא, מיט אזא געשמאק, מיט אזא מין נועם, זיי האבן מקבל געווען ווי דער פשט פון דעם איז, אפילו פון יעדער סוגיא ווי דאס איז זיך מתהפך - ווי אזוי עס דרייט זיך דער סוגיא - דא א ברייתא, דא א קשיא, דא א תירוץ, זיי האבן געוואוסט די כוונה פון רב אשי'ן, און זיי האבן געקענט מוציא זיין די הלכות פון די תורה קלאר.

ברענגט ער אראפ, אז א תקופה פון א וועלט מיט יארן, אז מען האט געשיקט די צעירים אין די ישיבות האבן זיי געהאט אזא געשמאק אין ש"ס אז זיי פלעגן נישט אהיים פארן ביז זיי זענען געווען קלאר אין ש"ס אזוי ווי "אשרי"... מיט אזא מין בהירות אין הבנה, מיט אזא 'שיגרא דלישנא', **'לא היה לשונם נפגם כפגימת הסכין'** - אזוי האבן זיי גע'חזר'ט ש"ס, אזוי האבן זיי געלערנט ש"ס, מיט אזא קלארקייט, מיט אזא שינון, "ושננתם" – 'שלא נפגם כפגימת הסכין', ער האט זיך נישט פארהאנקערט אינמיטן, אזא קלארקייט.

- און דאס גייט צוזאמען מיט א נשמה! עס גייט צוזאמען מיט א נשמה, מיט א קלארקייט, מיט א רוח הקודש וואס דער 'חלק אלקי ממעל' פון א אידן שפירט דעם תורה שבעל פה.

## **'אַביסעלע' אפיקורסות - 'אַסאַך' פאַרדאָרבן!**

דער מדרש[ל] זאגט, אז עס איז דא פיר קליפות, וואס דאס איז מרמז אויף פיר גליות: "'תוהו' 'ובוהו' 'וחושך' 'על פני תהום'". אויף "חושך" זאגט דער מדרש אין בראשית, דאס איז 'קליפת יון' - די

ל. בראשית ב, ד.

חכמת הפילאזאפיע, די חכמת האפיקורסות וואס דאס איז נגד תורה שבעל פה - און דאס רופט זיך 'חושך' קעגן דער 'חכמה דקדושה עילאה', דאס איז א חכמה פון די סטרא אחרא וואס דאס קען פארלעשן דער תורה שבעל פה.

מען זאגט: "**כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה עַל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל לְהַשְׁכִּיחָם תּוֹרָתֶךָ**". מיט דאס נישט לאזן אידן לערנען איז מען נאך נישט משכיח אינגאנצן דער תורה - אידן זענען 'עזין שבאומות'[לא], אז דו ווערסט נישט לאזן לערנען - וועט מען זיך באהאלטן און לערנען, מיט דעם איז עס נאך נישט פארלאשן; אבער מיט דאס אפיקורסות, מיט דער חכמת הפילאזאפיע, דאס פארלעשט אינגאנצן רח"ל!

מען קען קענען קלאר גאנץ ש"ס - אז עס כאפט זיך אריין אפיקורסות איז עס א גע'הרג'עטער ש"ס! עס איז נישט קיין ש"ס, נישט דאס איז 'תורה'! '**תורה' גייט צוזאמען מיט א חלק אלוקי ממעל!**

מיט א הרגש פון "וחיי עולם" מיט דעם איז מען מקושר צו 'חיי עולם'! דער חושך רייסט אפ פון חיי עולם, מען ווערט אָן דער וועלט מיט יענער וועלט!

עס איז דא א פסוק אין קהלת[לב]: "**זְבוּבֵי מָוֶת יַבְאִישׁ יַבִּיעַ שֶׁמֶן רוֹקֵחַ**" - אז עס כאפט זיך אריין 'זבובי מות' אין דעם בעסטן שמן, דאס איז 'וטמאו כל השמנים', און עס מאכט קאליע דעם שמן אזוי שטארק אז עס הייבט אָן צו גיין 'אבעבועות' (- שוי"ם), אזוי ווי א זאך וואס ווערט שטארק קאליע און עס הויבט אָן צו גיין 'אבעבועות'. רש"י זאגט, דער אויספיר פון דעם פסוק איז, "**יָקָר מֵחָכְמָה מִכָּבוֹד סִכְלוּת מְעָט**", די חכמה דסטרא אחרא רופט זיך 'סכלות'; דאס ביסעלע אפיקורסות קען פארדארבן די גאנצע שמן רוקח, די גאנצע תורה שבעל פה.

---

**לא.** עי' גמ' ביצה כה:

**לב.** י, א.

אט דאס איז 'קליפת יון' – דער 'חושך'. אונז זענען היינט אין "תהום" – אין קליפת תהום "שאין לו חקר"[לג], וואס דאס איז כלול פון אלע גליות.

## געגאנגען שפילן אינמיטן דער עבודה...

בימיהם איז געווען טאקע, די כהנים האבן דאך געארבעט אין בית המקדש מיט אזא חשק, מיט אזא געשמאק. עס שטייט[לד], אז אינמיטן דעם חורבן ממש האט א כהן געארבעט די עבודה ביז ווילאנג מען האט אים גע'הרג'עט, איז צוגעלאפן א צווייטער און געארבעט - האט מען אים גע'הרג'עט, איז צוגעלאפן א דריטער - האט מען אים גע'הרג'עט, איז צוגעלאפן א פערטער - זיי האבן געארבעט ביזן סוף, ביזן סוף, ביז דער לעצטער מינוט! מיר לאזן נישט אפ די עבודה!

הרג'עט! הרג'עט! מיר לאזן נישט אפ די עבודה!

- אזא 'כהנים זריזים הן', אזא 'אור' איז געווען ביי די כהנים. און די יוונים האבן געמאכט דעמאלט פון די אידן אזויפיל מתיוונים רחמנא לצלן! א חלק פון כלל ישראל - א מורא'דיגע חלק פון כלל ישראל זענען געווארן מתיוונים, און אנדערע האבן זיך ארייננגעכאפט 'בזבובי מות', אזוי ווייט אז כהנים אינמיטן די עבודה פלעגן גיין שפילן 'כדור-רגל' (- פוד-באָ"ל), זיי האבן אריינגעבראכט דעם קליפת יון, דער תרבות (- קולטו"ר) יון.

## געגאנגען מיט א ריינע אמונה!

על-כל-פנים, זעהט מען די מסירת נפש וואס די חשמונאים האבן געהאט וואס זיי זענען געגאנגען ממש מיט 'קנאת הא-ל' פארן אויבערשטן אליין, פאר דער תורה שבעל פה, פאר די אמונה הקדושה - און זיי זענען געגאנגען, עס איז נישט געווען טבעיות'דיג. עס

---

**לג.** עיי"ש במדרש.

**לד.** עי' יוסיפון פ' ל"ט.

שטייט סיי אין ספר חשמונאים, סיי אין יוסיפון[לה], אז די אויבים זענען געווען 'כחול אשר על שפת הים לרוב'! די מעַטים האט זיך נישט דערקענט 'כטיפה מן הים' - **און זיי זענען געגאנגען נאר מיט א ריינע אמונה אין רבונו של עולם! 'אונז גייען פאר דיר, דו מוזט זיך אננעמען! עס קען נישט זיין אנדערש!'**

**- 'מיר גייען פאר דיר! מיר גייען פאר דיר!'**

עס איז אינגאנצן נישט געווען דער נס על-פי גשמיות, עס איז נישט געווען על-פי טבע אינגאנצן ווי אזוי זיי האבן מכניע געווען.

## די 'סתרי תורה' וואס איז אנטפלעקט געווארן זינט חנוכה!

אויך אין רוחניות - עס האט זיך נאכער (אחר נס חנוכה) געגעבן א הויב אויף דער תורה שבעל פה. רבי צדוק מלובלין זאגט[לו], אזויפיל סתרי תורה וואס איז נתגלה געווארן נאך חנוכה אין בית שני, איז קיינמאל נישט נתגלה געווארן!

דער תורה שבעל פה גייט אויף אזא מין סארט אופן[לז] (- שחכמי הדור מגלין ומוסרין בכל דור 'בעל פה' הפנימיות והנסתר 'שבכתב'), אזוי זעהט מען אין מציאות: אין זוהר הקדוש איז דא פיר ברייתות - עס

---

לה. פר' כ'.

**לו.** "בפרי צדיק" לחנוכה, אות ז': **"וכדאיתא ב"פרקי היכלות"** (פר' כ"ז) **שבבית שני אף על פי שלא שרתה שם שכינה, אבל הדרה יקרה כבודה וגדולתה וכו' של תורה לא ניתנה עד בית שני עיי"ש, והמכוון על זמן החשמונאים שהיה התחלת הארת תורה שבעל פה".** (ועי' ליקוטי הלכות הל' קידושין ה"ג, אות י"ט: "תורה שבעל פה היא בחינת נסתר, בחינת סודות התורה, בחינת השגות אלקות שמשיגין הצדיקים השלימים כל חד כפום מה דמשער בלביה, שאלו ההשגות אי אפשר לכתבן כלל ואפילו בעל פה אי אפשר לדבר מהם כי אם אחר התלבשות בכמה לבושין וצמצומים שאז אפשר לפה לגלות רמז מהם מפה לאזן לחכם ומבין מדעתו, כמו שאמרו רז"ל, ולא במרכבה ליחיד אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו. וזה עיקר בחינת תורה שבעל פה").

**לז.** עי' ספה"ק ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ה, אות ל"ד: אע"פ שכבר זכינו לקבל את התורה שהוא כולה עצות להכיר אותו יתברך **אעפ"כ עדיין אנו צריכין עצות**

פארנעמט אסאך: עס איז דא 'ספרא דצניעותא'[לח] - עס איז מקובל פון יעקב אבינו. [דער רבי האט געזאט אויף יעדן התחלת הפרק, א תורה אין לקוטי מוהר"ן[לט]]. און עס איז דא די 'אדרא זוטא'[מ], און די 'אדרא רבה'[מא]. און נאך דעם איז דא די 'אדרא דמשכנא'[מב] - אלע מקובלים האבן עס געלערנט ביזן אר"י (כפשוטן), אבער דער אר"י האט מגלה געווען אזעלכע יָמים מיט גילויים וואס ביז אים איז עס נישט נתגלה געווארן, אליהו הנביא איז געקומען און אים מגלה געווען.

אז עס איז געווען 'סתרי אורייתא' - איז געגאנגען, עס האט זיך געעפנט אזעלכע מעיינות אין סתרי אורייתא. און ער זאגט[מג] אז עס איז געווען א לשכה אין בית שני, וואס ווען מען איז דארטן אריין האט מען געשפירט אזויפיל חידושי תורה אמיתיים 'בלי גבול'.

---

**לעצות אלו** כנ"ל שאנו צריכין בכל פעם עצות איך נזכה להתגבר לקיים עצות הקדושים האלו שהם כלל מצוות התורה. ...**כי זה עיקר בחינת תורה שבעל פה** שצוה והזהיר אותנו השי"ת לבלי לסור מדברי החכמים והצדיקים אמתיים שבכל דור ודור, כי השם יתברך ידע בחכמתו שאי אפשר לבאר העצות לתכליתן בכתב, כי עיקר תכלית שלימות העצות, שנזכה לקיימן באמת, הוא רק ברמזים בבחינת 'אשכילך ואורך בדרך זו תלך איעצה עליך עיני' וכו', **וזה צריכין לקבל מהצדיקים אמיתיים שבכל דור**".

**לח.** זוה"ק תרומה מדף קעו:

**לט.** עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ב'; י"ט; כ'; כ"א; כ"ב.

**מ.** זוה"ק האזינו רפב:

**מא.** זוה"ק נשא קכז:

**מב.** זוהר תרומה דף קעב.

**מג.** עי' ספה"ק "דובר צדק" (לר"צ מלובלין) בקונטרס 'נר המצוות' - מצות עשה א': "לתורה יש שייכות לבית המקדש כנ"ל. **וסנהדרין היו יושבין בלשכת הגזית ומשם תורה יוצאת** לפי שהיא מה' יתברך ובכלל הכל בידי שמים כמו שנתבאר לעיל. לכן תלוי הקרבת ה' יתברך אל האדם על ידי בית המקדש **ואז היתה מקור החכמה הנתונה מה' יתברך במקום השראת השכינה שהיא המקדש וירושלים. שמצד משכן ה' יתברך בתחתונים על ידי זה נמשך החכמה והתורה שהיא מן העליונים לבני אדם**".

מען זעהט טאקע - אינטערעסאנט, די 'תורה המצויה לנו בידינו' וואס מיר האבן היינט איז די לימודים וואס מען האט געלערנט נאך חנוכה. ווייל דאס (התחלת תושבע"פ) איז געווען סוף (תקופת) הזוגות. אזוי ווי עס שטייט אין "אבות" אז די זמן פון סוף זוגות איז געווען פאר הלל ושמאי, און דעמאלט איז געווען די זאך פון חנוכה. איז די גאנצע תורה וואס מיר האבן - און די לימודים פון דארטן און ווייטער - דאס איז בכח פון דעם אור החנוכה[מד].

## חנוכה - אַן אור וואס שיינט א גאנץ יאר!

דער אור החנוכה איז ממש אז דאס שיינט א גאנץ יאר! א גאנץ יאר שיינט אלעס וואס אידן זאגן תורה ברבים - הלכה מיט אגדה! מען האט איבערגעגעבן די תורה - און די תורה איז נמשך געווארן ביי אידן! דאס שיינט!

עס שטייט פון אר"י הקדוש[מה], א מענטש האט דאך רמ"ח אברים ושס"ה גידים, אבער דאס חיות איז די איברים הפנימיים; די ימים טובים דאס זענען די איברים הפנימיים! יעדעס איבר הפנימי גיט חיות אין דעם גאנצן גוף - יעדער איינער מיט זיין זאך; אַן אויג (בפני עצמו) איז עפעס אַן אויג? אַן אויג איז אַן אויג פון די רמ"ח איברים ושס"ה גידים, (דער עיקר איז דער) מח, דער מח פון די רמ"ח איברים ושס"ה גידים, (א.א.וו.) דאס הארץ. (כמו כן) די ימים טובים דאס זענען די איברים הפנימים וואס דאס שיינט א גאנץ יאר![מו]

---

**מד.** עי' ספה"ק "פרי צדיק" לחנוכה, אות י"א: "**על ידי נס חנוכה האיר להם באור כח 'תורה שבעל פה' שלא תשכח מפי זרעו לעולמי עד.** וכל מועדי מגילת תענית נבטל הארתם בזמן הגלות מה שאין כן בנס חנוכה שדייקא אחר כל ההסתרות מתנוצץ כח הזה של התחדשות בחינת תורה שבעל פה בנפשות ישראל לעולמי עד ולהתקיים בנו, כי לא תשכח מפי זרעו".

**מה.** "פרי עץ חיים" שער 'מקרא קודש'.

**מו.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רל"ג) וז"ל מורינו שליט"א: והנה בסוד הארת נר חנוכה תלוי כל קדושתינו וכל נצחיותינו. ומובא כמה פעמים בלקוטי הלכות שעצם

**דער הייליגער חנוכה דאס איז אַן הארה וואס טרייסלט אלע עולמות!**

דאס אליין איז געוואלדיג - 'אשר קדשנו במצותיו' פון 'לא תסור מן הדבר' - פאלגן חז"ל! דאס האט דער אויבערשטער געוואלט, דאס איז אונזער חלק, ממש 'חלקנו בתורתך'.

דער טור זאגט דארט מפורש, אז דאס וואס שטייט דארט ביי ברכת התורה: "וחיי עולם נטע בתוכנו" **דאס גייט אויף דעם חלק 'תורה שבעל פה' וואס יעדער איד האט! דאס איז דער "חיי עולם" וואס יעדער איד האט!** דאס איז היפך די 'זבובי מות', די 'קליפת יון' וואס איז 'מות', וואס רייסט אפ, מען ווערט אָן סיי דער וועלט און סיי יענער וועלט רח"ל!

## דאס אונטערשייד צווישן דעם איד מיטן גוי

דער רבי זאגט[מז], אז ווער עס ווייסט דעם סוד פון תורה שבעל פה פארוואס 'די' תורה איז 'בכתב' און 'די' תורה איז 'בעל-פה' - דער דערקענט א איד 'בין כמה גוים'; ווי אזוי ער זאל נאר אויסקוקן וועט ער וויסן 'דער איז א איד'. פארוואס? ווייל א איד איז א מציאות

---

כל מצוה נוהגת למעשה בשעתה, אבל סוד המצוה מאיר בכל השנה.
אם כן כל דבר שעושים למען שמו יתברך, כל שבירת תאווה וכל התחזקות בתפילה ובתורה ובקדושה, באיזה בחינה שהיא, בתוך החושך והגלות, זה בחינה שהדליק לפניו נר חנוכה והמשיך עליו אורו ית"ש במקום שהוא, ואז מקומו הוא בחי' מקדש מעט היכן שהוא רק נמצא.

מז. בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ח: "**עיקר ההבדל שבין ישראל לאמות הוא בבחינת מה שלא ניתן ליכתב, בחינת תורה שבעל פה.** כמו דאיתא, 'שבשביל זה ניתנה תורה שבעל פה, מחמת שצפה שיהיו ישראל בגלות, ויעתיקו האומות לעצמן תורה שבכתב, על כן נתן לנו תורה שבעל פה, שזה אינם יכולים להעתיק, מחמת שהוא בעל פה'. נמצא שעיקר ההבדל והיתרון של ישראל על האומות הוא בבחינת תורה שבעל פה, שלא ניתן ליכתב. ויש בכל אחד ואחד מישראל חלק מבחינת תורה שבעל פה, שלא ניתן ליכתב. **ועל כן מי שמכיר בין התורות שנתנו לכתב ושלא נתנו לכתב, הוא יכול להכיר בין ישראל לאמות**, כי זה עיקר הבדלם כנ"ל".

פון תורה שבעל פה, און ווער עס ווייסט דעם סוד, דער ווייסט דעם סוד פון א אידן!

פאר דרייסיג יאר צו מער, האב איך צוגעשטעלט צו דעם, דעם "ספר החיים" פון דעם מהר"ל מפראג'ס א ברודער, ער איז געווען א חבר פון דעם רמ"א, ער האט געהאט 'גילוי אליהו'. אין אלע גמרות ביים סוף, ביי די הדרן'ס, שטייט אז מען זאל מעיין זיין א ביאור אויף דעם אין ספר החיים. איך האב געטראכט, אז עס שטייט אלע מאל אז מען זאל מעיין זיין, דארף מען דאך אמאל מעיין זיין.

איז דארטן אין פרק ג', צו ב', ווענדט זיך אין וועלכער דפוס, ברענגט ער אראפ, וואס איז דער סוד פון "הדרן עלך והדרך עלן"? זאגט ער, בשעת עס איז געקומען די צייט וואס רב אשי האט געדארפט פארשרייבן דער תורה ווייל עס איז אראפ א שכחה אויף דער וועלט וואס טאמער מען וועט עס נישט פארשרייבן וועט פארגעסן ווערן דער תורה, און דערפאר **"עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ"**. אבער וואס טוהט מען? דער אויבערשטער וויל דאך נישט אז די גוים זאלן לערנען 'תורה שבעל פה' וואס דערפאר איז דאך עס געווען ניתן בעל פה, עס געהערט צו די אידן, עס טאר נישט אוועק גיין פון די אידן, דאס איז דאך דער מציאות פון א אידישע נשמה - נישט א גוי, דער אויבערשטער וויל דאך נישט אז זיי זאלן עס לערנען.

און ווייטער, עס איז דאך פארט א חילוק צו מען גיט איבער א זאך 'בעל פה', צו 'בכתב'. און ווייטער וואס איז מיט די 'סתרי תורה'; סתרי תורה איז 'אתאמר בלחישא' וואס נאר 'יחידי הדורות' דארפן דאס וויסן!

זאגט ער, אז רב אשי האט ברוח הקודש צעמישט דעם ש"ס מיט אזויפיל סוגיות מתחלפות און אזויפיל אגדות תמוהות, ער האט אויסגעשטעלט דעם ש"ס מיט אזא מין רוח הקודש, מיט אזא פנים, אז א גוי הויבט אָן צו לערנען ווערט אים נמאס, ער ציהט אפ פון

דעם! ער קען נישט לערנען ווייטער... - אידן, "**כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ**" - די נשמה האט ליב א שטיקל גמרא!

**די נשמה האט ליב 'תורה שבעל פה'! מען האט עס ליב! עס איז געשמאק! עס איז א נועם!**

- מען דארף נאר אראפנעמען די מסָכים המבדילים. דערפאר זאגט ער: "הדרן עלך" - דו געפעלסט אונז, מיר שפירן דיין נועם, מיר שפירן דעם געשמאק פון תורה שבעל פה, און "והדרך עלן" - דו האסט אונז ליב, מיר זענען איינס, מיר האבן א קשר - דו געפעלסט אונז - און מיר געפעלן דיר. דערפאר טאקע "**לָא נִתְנְשֵׁי מִנָּךְ וְלָא תִתְנְשֵׁי מִנָּן**", עס זאל זיין א קשר עולמי!

## האלטן טייער א חידוש פון א איד!

למעשה, ארומצורעדן אין דעם רבי'ס תורות איז דאך בלי גבול! דער רבי האט דערלאנגט אין זיינע תורות - אזויפיל כולל געווען, אזויפיל ענינים, אזופיל ענינים, און עס איז טאקע אזוי[מח].

עס איז דא א חז"ל – עס איז א פסוק אין מלאכי[מט]: "**מַשָּׂא דְבַר ה' אֶל יִשְׂרָאֵל בְּיַד מַלְאָכִי, אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'**". זאגט רש"י: "**כבר היה בידו מימים רבים**" - ער האט שוין געהאט די נבואה פון ווען זיין נשמה איז געשטאנען אויפן בארג סיני - אט דאס איז "ביד" מלאכי, ערשט איז געקומען די צייט "ושרתה עליו שכינה" און ער האט עס מגלה געווען, אבער די נבואה האט ער שוין געהערט.

---

**מח.** עי' שיחות הר"ן אות קל"א: "**כל דבריו ז"ל הם כלליות גדול**, וכל תורה ותורה כלול מכל התורה כולה, ומכל בני אדם שבעולם בכל דרגה ודרגה, מן תכלית קצה העליון עד תכלית קצה התחתון. היינו שעם כל תורה ותורה ושיחה שלו יכול לעבוד את השי"ת הגדול במעלה בתכלית המעלה, וכן אפילו הקטן והפחות בתכלית דיוטא התחתונה יכול גם כן לשוב להשי"ת ולמצוא עצות לנפשו על ידי אותה התורה בעצמה, **כי הם כלליות נפלא מאד!**".

**מט.** מלאכי א, א.

"וכן אמר ישעיה"[נ] - זאגט רש"י, "**מֵעֵת הֱיוֹתָהּ שָׁם אָנִי**" – בשעת עס איז געווען קבלת התורה בין איך שוין געווען דארטן, "**וְעַתָּה ה' אֱלֹקִים שְׁלָחַנִי וְרוּחוֹ**" – ערשט האט מיר דער אויבערשטער געשיקט זאגן - איך האב שוין געהערט מיין נבואה ביים בארג סיני - עס איז א מדרש[נא], און דער מדרש פירט אויס: "**ולא רק הנביאים קבלו נבואתם מהר סיני, אלא כל החכמים שעומדים בכל דור ודור קבלו את שלהם מסיני**".

איך האב געקלערט, אינ'אמת'ן שטייט דאך[נב], יעדע גוטע קשיא איז דאך מסיני, יעדער ריכטיגער חידוש פון יעדן איד איז דאך מסיני. עס איז דא חז"ל[נג]: אז דו הערסט פון א אידן א ריכטיגער דרש, זאל דיר עס זיין חשוב ווי דו זאלסט עס הערן פון די שבעים זקנים, און נישט נאר פון די שבעים זקנים, נאר מפי משה, און נישט נאר מפי משה, נאר אפילו מפי הגבורה – אזוי חשוב איז אַן אמת'ער חידוש פון תורה שבעל פה פון א אידן! ווייל דאס איז 'זיין' חידוש, דאס איז 'זיין' חלק אלקי ממעל, און דאס איז תורה מסיני.

## דער קלימאקס פון דעם 'תענוג עולם הבא'

איך האב געקלערט, דער אויבערשער האט אראפגעשיקט - "**ראה הקב"ה צדיקים שהם מועטים עמד ושתלן בכל דור**"[נד] - 'למען' אריינצושיינען די תיקונים, די עצות וואס דער דור דארף.

דער הייליגער רבי – די מעשיות און די סיפורים און די תורות און די מאמרים - **דאס איז פאר אונז, פארן היינטיגן דור! פארן היינטיגן**

---

**נ.** מ"ח.

**נא.** שמו"ר כח, ו.

**נב.** ירושלמי חגיגה א.

**נג.** במדבר רבה יד, ד.

**נד.** יומא ל"ח:

**דור, פאר עיקבתא דמשיחא! און במיוחד פאר די גרויסע חלישות הדעת וואס גייט איבער אויף יעדן איינעם!** די גרויסע בלבולים, די גרויסע פלאנטערן וואס עס גייט איבער וואס איז נישט אויסצוהאלטן, פאר דעם האט דער הייליגער רבי אראפגעגעבן זיינע תורות!

לעצטנ'ס האט מיר געזאגט א איד א מקובל: זאג מיר סיי וואספארא תורה אין חנוכה וואס דער רבי זאגט - ווייז איך דיר אויף אז אלע כתבי אר"י, אלע זוהר, אלע תיקונים וואס עס שטייט, איז דער רבי דאס מרמז אין דער תורה! ווייז מיר א תורה אויף ראש השנה - וועל איך דיר ווייזן אלע כוונות אויף ראש השנה אין דער תורה...

אבער עם-כל-זה, איך קען נישט מאריך זיין אין קיין תורה. אין דער תורה "ימי חנוכה"[נה] רעדט דער רבי וועגן 'הודאה' -

גיט א קוק וואספארא קליפת 'העלמה' איז דא אויף דער וועלט; די גמרא[נו] זאגט: "אין בעל הנס מכיר בניסו", ווען מען דארף א ישועה פלאצט מען אוועק - און אז דער אויבערשטער העלפט – 'העלמה'![נז]

דער רבי זאגט אבער, 'הודאה' - דאנק דאנק! עפן אויף דיין מויל - שיין, שיין מיט הודאה, דאנק דעם בורא עולם! דער אויבערשטער האט ליב הודאה 'כריחין וניחוחין', הודאה!

---

**נה.** תניינא תורה ב'.

**נו.** נדה לא.

**נז.** עי' "אוצר היראה" ערך 'הודאה, אות ה': "**צריכין ליזהר בזה מאד, שבכל פעם בבואו לפרש שיחתו לפניו יתברך או להתקרב לאיזה דבר שבקדושה, יזכיר את עצמו ריבוי הטובות והחסדים שעשה השם יתברך עמו מעודו עד היום הזה, ועל־ידי זה יתחזק לבבו לבטוח בה' שישמע תפלתו גם עתה, ועל־ידי־זה יוכל להתקרב אליו יתברך ולפרש לפניו שיחתו כראוי. וזה בחינת: 'לך אזבח זבח תודה', ועל־ידי זה: 'ובשם ה' אקרא'**" (ע"פ ליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ה"ד, אותיות ד' ה').

בשעת א מענטש דאנקט דעם אויבערשטן איז ער מכרית די קליפות!

עס שטייט[נח], אז 'פסוקי דזימרה' הייסט אזוי, ווייל עס איז 'מזמר עריצים והקוצים' אז עס זאל אנגענומען ווערן די תפילות.

הודאה! דער רבי זאגט אז דער תענוג עולם הבא, דער שׂיא התענוג, וועט זיין, אז נאך יעדן זיו השכינה וואס וועט זיין בעולם הבא, וועט גיין נאך דעם א הודאה; און נאך די הודאה וועט ווייטער גיין השגות אלקות; און נאך די השגות אלקות וועט ווייטער גיין אַן הודאה!

**דער שׂיא התענוג וואס איז נאר דא אין מציאות איז 'הודאה'!**

ווייטער (רעדט דארט דער רבי), פון 'הלכה'. הלכה איז דאך תורה שבעל פה. עס שטייט פון אר"י הקדוש[נט], אז 'תורה שבעל פה' רופט זיך 'הלכה', ווייל תורה שבעל פה רופט זיך 'כלה', וואס דאס איז דער סוד פון 'שבת מלכתא'. ['הלכה' איז די אותיות 'הכלה'[ס]]. 'תודה' 'הלכה' - דאס איז די ראשי פרקים פון דער תורה. דער רבי רעדט אויך דארט וועגן 'הולדה'.

## דער שורש פון א אידישע נשמה

אין תורה ז' - "כי מרחמם ינהגם" - דאס איז אויך א תורה פון חנוכה, רעדט דער רבי טאקע, אז דאס ליכט (פון נר חנוכה) איז אַן אור פון בית המקדש. חז"ל זאגן[סא], אז דער בית המקדש רופט זיך 'הר המוריה' - פאר צוויי טעמים: **א]** "משם הוראה יוצא" - פון דארטן גייט ארויס 'תורה שבעל פה'; בשעת עס זענען געזעצן די סנהדרין און זיי האבן דַן געוועזן איז אראפ אַן הארה פון א רוח

**נח.** "שערי אורה" שער א'.

**נט.** עי' תיקוני זוהר דף מו.

**ס.** "פרי עץ חיים" שער 'הנהגת הלימוד' פ"א.

**סא.** תענית ט"ז.

הקודש וואס מען האט משיג געווען 'הלכה על בוריה'. **ב]** "ומשם הולדה" - די הולדה פון נשמות ישראל גייט דורך דעם בית המקדש; יעדע אידישע נשמה קומט פון בית המקדש - פון דארטן קומט עס, ער האט נאר די מסכים המבדילים (עיי"ש).

איך האב נעכטן געזאגט פאר די אינגלעך, עס שטייט פון אר"י הקדוש, אז א מענטש זאל זיך מזכך זיין פון אלע עבירות 'במחשבה בדיבור ובמעשה', און ער זאל מקיים זיין די גאנצע תורה בפועל, און וואס ער האט נישט געקענט מקיים זיין בפועל זאל ער מקיים זיין בלימוד תורה לשמה - ער זאל זיך פארמאכן די אויגן - זעהט ער דעם יקו"ק ארגינאל, ארגינאל, אט דאס איז יעדער איד! דער רע איז נישט אונזערע, דער רע איז א נספח, אונז זענען א חלק אלקי ממעל, מען דארף נאר זעהן אז דער רע זאל אונז נישט (אפרייסן).

על-כל-פנים, דער רבי רעדט וועגן הודאה, און דער רבי רעדט וועגן הלכה, און דער רבי רעדט פון הולדה. ווייל 'הלכה' מיט 'הולדה', 'אידישע הולדה' מיט 'אידישע הלכה', קומען פון אידישע מוח'לעך, זיי קומען פון איין פלאץ, זיי גייען דורך דעם בית המקדש.

### געשריגן לאנגע שעה'ן...

ווייטער רעדט דער רבי וועגן 'דיבור' – רעד הייליגע דיבורים! דיבורי אמת, רעד דיבורי אמת - רעד! וואס דו רעדסט זאל זיין הודאה, זאל זיין הלכה, זאל זיין מליצה, זאל זיין המתקה, זאל זיין אמונה, זאל זיין קדושה, זאל זיין גוטסקייט, זאל זיין טובה - רעד!

**שיין דיין מויל! שיין דיין מויל! דער אור האמת זאל ליגן אין דיין מויל! דער דיבור!**

נאך דעם רעדט דער רבי פון 'שבת', אז מען דארף ממשיך זיין די הארה פון קדושת שבת צו ששת ימי החול. וואס איז די הארה? אז אלע 'פעולות משתנות' קומט פון 'אחד הפשוט'!

**אט דאס איז היפך קליפת יון! היפך פון פילאזאפיע! היפך פון חכמת הטבע!**

**אין עוד מלבדו!**

עס איז נאר א מסך המבדיל; אז עס וועט אוועקגיין דער מסך וועט מען זעהן אז אלעס טוהט זיך פון אויבערשטן אליין, עס גיט זיך נישט קיין ריר קיין שטרוי אין גאס.

עס שטייט אין "פרי הארץ"[סב] (עה"פ:) **"מְקוֹם שֶׁיִּפּוֹל הָעֵץ שָׁם יְהוּא"**[סג]. זאגט ער, אַוואו עס פאלט אראפ א שטעקעלע - האט עס געדארפט דא ליגן, עס איז נישטא קיין מקרה, אין עוד מלבדו!

אלע 'פעולות משתנות', נעמט זיך פון 'אחד הפשוט'!

א מענטש זאל דאס שפירן – עס איז אזא מין שבת! עס איז אזא נייחא! עס איז אים אזוי רואיג! ער זעהט א לעבעדיגע וועלט! **"צדיק באמונתו יחיה"**! ס'לעבט! די וועלט לעבט! אלעס לעבט! אלץ טוהט זיך פון אויבערשטן, אין עוד מלבדו! עס איז נישטא וואס מורא צו האבן! עס דארף איבערגיין!

**עס גייט אויף דיר איבער, דו ביסט פארפלאנטערט? שריי צו השם יתברך! ער קען דיר ארויסנעמען פון אלע פלאנטערן!**

איך געדענק, רבי שמואל שפירא[סד] פלעגט שרייען שעה'ן: **"תתיר צרורה" "תתיר צרורה" "תתיר צרורה"**...[סה]

מען דארף אזויפיל שרייען "תתיר צרורה". ווייל יעדער איינער איז פארבינדן מיט געוויסע מידות רעות, דער בעל דבר האט לוקה געווען

**סב.** פרשת בא.

**סג.** קהלת יא, ג.

**סד.** עיין תולדותיו בקונטרס 'דורשי יחודך' – מאמר י', ס"ק י"ז.

**סה.** מענין לענין עיין באוסף אמרים (חנוכה מאמר י"ג) וז"ל מורינו שליט"א: ואם הזכרנו את האי צדיק וקדוש רבי שמואל שפירא זי"ע, הנוכל לתאר לעצמנו את עבודותיו

יעדן איינעם מיט תאוות און מידות רעות, און עס פארפלאנטערט אין מח רחמנא ליצלן אז עס דאכט זיך אז מען קען נישט ארויסגיין - "**בְּאֹרַח זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי**"[סו], אבער דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט - '**שריי "תתיר צרורה"' ביז דו וועסט ארויסגיין, ביז דו וועסט ארויסגיין!**

און דער רבי פירט טאקע אויס אין דער תורה, אז דער "פתח" פון חנוכה – "על פתח הבית" – עפן אויף דאס מויל, דאס איז אונזער ליכט, די נר האמצעי – דער דיבור, דאס איז דאס ליכט, דאס איז אונזער חנוכה ליכט!

## ווערן זעלבסט א חנוכה ליכטל

א מענטש ווערט אליין א חנוכה ליכט - אז ער האט א הייליגער מויל, אז ער לערנט גמרא מיט תוספות, ער לערנט פון אמונה, ער זאגט ליקוטי תפילות, ער זאגט תהלים, ער רעדט פון בורא עולם, ער רעדט תפילה, ער רעדט זיך דורך מיט השם יתברך, ער רעדט גוט, ער גלויבט און רעדט אזוי, ביז ער רעדט צו אנדערע צו וויסן פונעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער איז 'אין עוד מלבדו'.

**עס דאכט זיך דיר דו ביסט פארפלאנטערט? מען קען נישט ארויסגיין? דער אויבערשטער וועט דיר העלפן!**

---

העצומות והנוראות של רבי שמואל בשנים ההן; היגיעות, הקימה בחצות בקביעות וההליכה לשדות וליערות לזעוק את השי"ת להנצל מחיזו דהאי עלמא, והוא עצמו היה עני מרוד עד פת לחם ממש.

**כי זאת צריך לדעת, שגם העובדים הגדולים הללו סבלו מירידות ומקשיים שונים בעבודתם את בוראם, כי עיקר עבודתם היה בדיבורי התורה והתפילה, ומי שמחזיק עצמו בדיבור – יש זמנים שהדיבור אינו מאיר כל צרכו ויש אשר הוא קשה מאד.**

סו. תהלים קמב, ד.

**נישט געזעהן קיין וועג ארויס**

עס איז אמאל געווען א מענטש ביי מיר, גראדע אביסל א מאדערנער מענטש, ער איז געווען פארפלאנטערט אין א זאך וואס על-פי דרך הטבע וואלט ער נישט געקענט געהאלפן ווערן. ער האט מיר געזאגט, 'דו ווייסט וואס דערהאלט מיר?' - א פלא'דיגע זאך. ער האט דורך געלערנט די ערשטע מעשה פון סיפורי מעשיות, און עס שטייט אויסגעפירט אזוי: **"ווי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען הָאט עֶר** (רביז"ל) **נִישְׁט דֶער צֵיילְט; צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען!"**

האט ער מיר געזאגט אזוי: פארוואס האט דער רבי נישט דערציילט? נאר ווייל פאר דער ישועה זעהט מען נישט ווי אזוי די ישועה וועט קומען - "מצמיח ישועות". 'מצמיח' – עס איז נישטא (פאר דעם), אז עס קומט ווערסטו זעהן אז דער אויבערשטער האט דיר ארויסגענומען!

ער זאגט, אז ער האט געשפירט אין די ווערטער אז ער וועט געהאלפן ווערן! ווי אזוי? איך דארף נישט וויסן 'ווי אזוי', דער אויבערשטער איז אין-סוף, און אזוי ווי דער אויבערשטער איז אין סוף, אזוי איז זיין יכולת אין-סוף, ער קען דיר ארויסנעמען פון אלע מיצרים.

על-כל-פנים, די זאך טאקע פון 'דיבור'; אז מען זאל נישט אפלאזן דעם דיבור, איז מען א געראטעוועטער לעולם ועד! עס וועט זיך אלעס אויסלאזן לטובה, עס וועט זיין עוונות נתהפך לזכיות!

דעם רבי'נס עצה פון דיבור - אז עס שיינט דער דיבור? שיינט דער דיבור! שיינט עס נישט? רעד ביז עס וועט שיינען! אט דאס האט אונז דער הייליגער רבי געלערנט: **"פֵּתַח דְּבָרֶיךָ יָאִיר"**[סז]; 'פתח פיך' - ביז עס וועט זיין 'יאיר דבריך'! אט דאס איז טאקע דער אויספיר פון דער תורה טאקע פון 'ימי חנוכה'.

---

**סז.** תהלים קלט, קל.

## זיך באנייען 1,080 מאל א שעה!

און טאקע נאך א זאך וואס מען דארף זעהן, דער אויבערשטער זאל טאקע רחמנות האבן אויף אונז, מיר זאלן נישט ארײנלאזן קיין יַשנות און דעם סוד פון התחדשות פונעם הייליגן רבי'ן!

דער רבי האט געהייסן א זאך פון התחדשות![סח]

מען זאגט טאקע אז דער רבי איז געווען א מציאות פון התחדשות![סט] דער רבי איז געווען א מציאות פון התחדשות, דער רבי בימי נעוריו האט זיך מחדש געווען כמה וכמה פעמים ביום![ע] ער האט זיך באנייט אין עבודה!

---

סח. שיחות הר"ן נ"א: "**גם אין טוב להיות זקן הן חסיד זקן, והן צדיק זקן, זקן אין טוב. כי צריך רק להתחדש בכל יום להתחיל בכל עת מחדש. רק יש מה שהוא משביח כשהוא זקן, היינו דבר אחר שמוסיף כח כשמזקין כמו שאמרו רז"ל** (שבת עז:)".

סט. שבחי הר"ן חלק שני, אות ל"ג-ל"ד.

ע. שיחות הר"ן, אות מ"ח: "סיפר הרבה מענין גודל היראה והקדושה שהיה לו בילדותו שהיה זריז וקדוש מאד. **ואמר שהיה מתחיל כמה פעמים ביום אחד**, היינו שהיה מתחיל להיות איש כשר, שמעתה יעבוד את השם יתברך ואחר כך באותו היום עצמו נפל מזה וכו', וחזר והתחיל באותו היום פעם אחר שמאותו השעה יהיה איש כשר וכו' ונפל וחזר והתחיל מחדש, **וכן היה כמה פעמים ביום אחד**. וכבר שמענו ממנו כמה פעמים שהיה לו כמה התחלות שבכל פעם התחיל מחדש לעבוד את ה'". **וזהו כלל גדול מאד בעבודת ה'** לבל יניח עצמו ליפול חס ושלום מחמת שנפל מאיזה עבודה או מתפילה בכונה, או שנפל למקום שנפל חס ושלום, **עם כל זה יחזק את עצמו בכל האפשר ויתחיל בכל פעם מחדש כאילו היום התחיל להתקרב להשם יתברך, ואף אם יהיה כן כמה פעמים** דהיינו שיהיה לו חס ושלום כמה וכמה נפילות מעבודתו יתברך, עם כל זה יתחיל בכל פעם מחדש אפילו כמה וכמה פעמים ובלא זה אי אפשר להיות איש כשר באמת ולהתקרב להשם יתברך באמת. **וכל זמן שאינו חזק בדעתו שתמיד ימשוך עצמו להשם יתברך בכל מה שיוכל בין בעליה בין בירידה חס ושלום, אפילו אם תהיה הירידה חס ושלום איך שתהיה אף על פי כן יהיה חזק ואמיץ בדעתו למשוך ולהשתוקק ולהתגעגע תמיד אליו יתברך, ולצעוק ולהתפלל ולהתחנן אליו יתברך תמיד, ולעשות מה שיוכל בעבודת ה'**

אז ער האט עפעס געשפירט א ירידה האט ער זיך ווייטער באנייט, און אז ער האט געשפירט ווייטער א ירידה האט ער זיך ווייטער באנייט. דער רבי האט געזאגט[עא] **אז ער האט זיך אזוי איינגעוואוינט אין התחדשות אז עס גייט נישט ארויס קיין הבל פה פון אים בלי התחדשות!** ער האט נישט געגעבן קיין אָטעם אָן התחדשות! אזוי איינגעוואוינט איז ער געווען אין התחדשות[עב].

נאך מער, א פלא'דיגע זאך, די תורה "**ועשית מנורת זהב**"[עג], איז דאך א תורה פון חנוכה, און דארטן[עד] איז דער רבי מרמז דעם סוד. רבי נתן זאגט, אז דארטן האט דער רבי מקצר געווען: "גם דיבר אז" אז אינ'אמת'ן איז דא י"ב צירופי הוי"ה בייטאג, און עס איז דא י"ב צירופי הוי"ה ביינאכט. אז מען רעכנט דעם שם הוי"ה פאר פיר אותיות, איז דא כ"ד צרופים. ווייל דער כלל איז דאך, פיר אותיות שטעלט זיך אויס אין כ"ד צרופים. נאר וויבאלד דער שם הוי"ה האט דאך צוויי ההי"ן – איז דא י"ב צרופים. אבער אז מען טוהט מסמן זיין וואו איז דער ערשטער ה"א און וואו עס איז דער אנדערער ה"א,

---

**בשמחה, אפילו אם יהיה איך שיהיה, כל זמן שאין לו התחזקות הזאת באמת אי אפשר לו להתקרב להשם יתברך באמת!**".

**עא.** חיי מוהר"ן אות שפ"ד: "אמר (רביה"ק), **לא מבעיא דיבור שאינו יוצא מפי בלי התחדשות, אלא אפילו הבל אינו יוצא מפי בלא התחדשות!**".

**עב.** עיין באוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רמ"ט) וז"ל מורינו שליט"א: המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית הוא יזכנו להרגיש מחדש את אמונתו יתברך ואת נעימות קדושתו ותורתו ועבודתו ולהתחדש בהם מחדש לגמרי, אשר בענין זה היה רבינו הק' חידוש גדול מאד, שכל ימיו היה מתחדש בכל עת תמיד בהתחדשות בעבודת הבורא, בהתחדשות נפלאה כמו שנולד עכשיו ממש.
וכל שיחה בינו לבין קונו היתה בתחדשות נפלאה, בלי שום התיישנות ח"ו, כי התיישנות שייך רק בתאוות העולם הזה והבליו הנבזים והנמאסים עד שאין הדעת סובלתם, מה שאין כן אצל חי החיים, ה'אני ראשון ואני אחרון', שתמיד הוא ראשון ותמיד הוא אחרון.

**עג.** בספה"ק ליקוטי מוהר"ן מהדו"ק סי' ח'.

**עד.** אות ט'.

איז טאקע דא פיר-און-צוואנציג צירופים. זאגט דער רבי, אז ביי יעדן צירוף אין יעדער שעה, שיינט א התחדשות פון אַן אנדערע צירוף הוי"ה.

די צדיקים וואס זענען דבוק, שפירן דעם אויבערשטן מיט אַן אנדערן גוון, מיט א נייע התחדשות, מיט א נייע פרישקייט.

"גם דיבר אז" אז אין יעדן שעה איז דא 'תתר"ף חלקים', און אין יעדן תתר"ף איז אויך דא א צירוף הוי"ה - דאס ברענגט שוין אראפ דער רמ"ק אין "פרדס הרימונים", און ער איז מציין בדיוק בחשבון מדויק מיט נקודות ווי אזוי עס שטעלט זיך אויס די תתר"ף צירופי הוי"ה וואס שיינט אין יעדן שעה[עה].

און דער רבי האט געזאגט אז ער איז אזוי איינגעוואוינט מיט התחדשות, אז עס גייט נישט ארויס ביי אים א הבל פה אָן התחדשות!

דער ראשית חכמה[עו] זאגט, אז א מענטש איז נושם תתר"פ נשימות אין א שעה.

**אט דאס איז געאָטעמט, דאס איז געאָטעמט, דאס איז חיים נצחיים, דאס איז עולם הבא!**

**עס איז אַן אנדער אָטעם!**

יעדער אָטעם איז א צירוף פון הוי"ה; ווער האט א השגה אין אזעלכע זאכן?! אין תיקוני זוהר[עז] ווערט געבראכט דאס ענין, זאגט ער, **"זכאה מאן דידע מהבלים"** - פון דעם אָטעם.

---

**עה.** עיין בעץ חיים שער א' ענף ה'.

**עו.** שער היראה פרק י'.

**עז.** עיין תיקון ס"ט דף קד.

## לאָז נישט דיין 'עָבַר' צעשטערן דיין 'עתיד'!

על-כל-פנים, דער הייליגער רבי האט אונז געהייסן זיך מחדש זיין; און דער רבי איז אזוי גרויס אז מען קען זיך לייגן אויף זיינע פלייצעס אז דער עבר זאל נישט דיר שטערן פון התחדשות! דער רבי איז געגוג אזוי גרויס, אויף דעם האבן מיר דעם הייליגן רבי'ן!

**נוץ דעם רבי'ן - אז דער עבר זאל דיר גארנישט שטערן פון התחדשות!** [עח]

דער בעל דבר איז דאך אזוי - ווען דערמאנט ער דעם 'עָבַר'? בשעת מען גייט זיך באנייען! דעמאלטס קומען ארויף אלע[עט] (עוונות במחשבתו...).

אויף דעם מעג מען זיך פארלאזן אויף דעם הייליגן רבי'ן, נעם דאס אחריות פון דעם הייליגן רבי'ן, דער רבי איז א גוטע פלייצע, א גוטע אחריות אויף דעם! **באניי זיך!**

**מיר קענען זיך באנייען!**

---

**עח.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק א', מכתב כ"ג) וז"ל מורינו שליט"א: ויהי רצון שנזכה לקבלת התורה מחדש, כי על דבר ההולך לכליון שייך בו התיישנות, אבל חיים נצחיים מאירים ומבריקים גוונים עילאים נפלאים וחדשים תמיד.
מוהרנ"ת מתבטא הרבה פעמים במכתביו: כדאי לו כל מה שעבר עליו שידע איך להתחדש עתה בעבודת ה'. באימרה זו יש הדרכה בעבודת ה' לכל אחד, כי מוהרנ"ת לא השתמש עם העבר ליפול מזה ח"ו כדרך העולם, כי אם לקח את מעברי העבר והשתמש בהם ללימוד איך להתחדש להתנהג מעתה לעבוד את השי"ת, לידבק בחיים נצחיים ולדעת להנצל ממה שצריכים להנצל, ממש שלמד מכשלונות העבר.

**עט.** עי' "ליקוטי הלכות" בשר בחלב ה"ד, אות י': "עיקר הבושת דקדושה צריך שיהיה להאדם קדם החטא, שיהיה לו בושה גדולה מלפני ה' יתברך כמו מלפני בשר ודם ממש, שלא יעבור שום עבירה ואפילו שלא לעשות שום דבר כנגד רצונו יתברך, אבל אחר כך כשכבר התגבר עליו היצר, חס ושלום, והכשילו במה שהכשילו צריך אחר כך לסלק הבושה מעל פניו, ויעז פניו נגד ה' יתברך לומר אף על פי שעשיתי מה שעשיתי ובושתי וגם נכלמתי להרים פני אליך, אף על פי כן אני מעיז פני נגדך ומבקש ממך שתקרבני אליך גם עתה. **ואפילו אם היה כך כמה פעמים, חס ושלום, אסור ליפול בדעתו לעולם, רק להתחזק להתחיל בכל פעם מחדש כל עוד נשמתו**

לאמיר נישט ארײנברענגען קיין התיַשנות אין דער התחדשות וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט!

## חנוכה - א זמן פון זיך באנייען!

רבי נתן זאגט, אז דער רבי האט נישט מאריך געווען ביי דעם[פ]. אַן אינטערסאנטע זאך, טאקע די זאך (מהתתר"פ צירופים בכל שעה) זאגט דער רבי ביי א תורה פון חנוכה, ווייל חנוכה איז געווען חנוכת הבית - א התחדשות אין לעבן![פא]

א התחדשות אין אמונה! א התחדשות אין דיבור!

א התחדשות אין לימוד שבנגלה! א התחדשות אין לערנען דעם רבין'ס תורות! א התחדשות, א התחדשות אין מח! **מען קען מאכן א התחדשות אז מען זאל ווערן ממש אַן אנדער מענטש אינגאנצן!**

דער רבי ברענגט אראפ אין תורה כ"א: "**מְשַׁנֶּה פָנָיו וַתְּשַׁלְּחֵהוּ**"[פב] – אמאל אז א מענטש באנייט זיך ווי עס דארף צו זיין, דערקענט אים נישט דער סטרא אחרא, ער איז אַן אנדער מענטש, עס ווערט בטל פון אים א וועלט מיט דינים, ווייל אז עס איז נישט דער מענטש איז נישטא אויף אים די דינים.

---

**בו** כנ"ל. **וזה עיקר עזות דקדושה שלא יהיה נחלש דעתו ממה שהיה בימים שעברו, רק ישכח בכל פעם מה שעבר ויתחיל בכל פעם מחדש!**".

**פ.** עיי"ש בפנים התורה מש"ש מוהרנ"ת: "**ולא זכיתי לשמוע ביאור ענין זה היטב**".

**פא.** עי' ליקוטי הלכות הל' בשר בחלב ה"ד, אות ט"ו: "**וזה בחינת חנוכה, כי חנוכה לשון חינוך והתחלה. היינו שעל ידי מצות חנוכה אנו זוכין להמשיך עלינו עזות דקדושה באופן שנזכה להתחזק בעבודת ה' תמיד. והעיקר להתחיל בכל פעם מחדש, שזהו עיקר שם חנוכה, שתהיה העבודה תמיד בבחינת חינוך והתחלה, כאילו היום הוא מתחיל להתחנך בעבודת ה'. וזה בחינת 'נר חנוכה מוסיף והולך', שצריכין להתחיל בכל פעם מחדש, שעל ידי זה מוסיפין והולכין תמיד בעבודת ה' בתוספת מרובה, מאחר שמתחזק בכל יום בהתחזקות חדש, בהתחלה חדשה, בהתעוררות חדש**".

**פב.** איוב יד, כ.

רבותי! דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען, מען זאל זיך באנייען, דער אויבערשטער זאל אראפשיקן 'מרוח קדשו' הייליגע מוחין, הייליגע חיות, "**וְעַל יְדֵי זֶה יֻשְׁפַּע שֶׁפַע רַב בְּכָל הָעוֹלָמוֹת וּלְתַקֵּן אֶת נַפְשׁוֹתֵינוּ וְרוּחוֹתֵינוּ וְנִשְׁמוֹתֵינוּ מִכָּל סִיג וּפְגַם. וּלְטַהֲרֵנוּ וּלְקַדְּשֵׁנוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה**", און עס זאל נמשך ווערן ישועות ברוחניות ובגשמיות, עלינו ועל כל ישראל.

בס"ד

# הזכותים נצחיים

## לספר "דורשי יחודך" – יסודי היהדות

שיחות ומאמרים של הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

באידיש מועתק מלשונו הזהב

## פטרון המהדורה

$18,000.00

## פטרון המאמר

$3,600.00

| | | |
|---|---|---|
| מאמר<br>תכלית החיים | מאמר<br>אמונה פשוטה | מאמר<br>ואני תפילה |
| מאמר<br>בטחון ברחניות | מאמר<br>כוחה של תורה | מאמר<br>ישוב הדעת |
| מאמר<br>ולאחיו יאמר חזק | מאמר<br>שבת יום חמדתו | מאמר<br>זכרון עלמא דאתי |
| מאמר<br>נעים זמירות ישראל | מאמר<br>עבדו את ה' בשמחה | מאמר<br>את בריתי תשמור |

## פטרון המפתחות

$4,200.00

לקנות זכות נצחי נא לקרוא 347-374-1962

או 718-938-9930

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם
ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מפרסמין עושה מצוה

הני נדיבים בעם, שמרוב טוב לבם, נטלו חלק בהוצאות המרובים

מוה"ר **יואל יודא רובינפעלד** הי"ו

מוה"ר **יוסף צבי ארי' וואלדמאן** הי"ו

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לזכותו ולזכות משפחתו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות הרבצת התורה ויהדות, יעמוד להם
ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו הנכבדים, לבם ער לכל דבר שבקדושה,
שמרוב טוב לבם נטלו חלק יפה בהוצאות המרובים
ה"ה

## מוה"ר מנחם דוד לאנדא הי"ו

לרגל שמחת נשואי בתו עב"ג למעז"ט בשעטו"מ

## ומוה"ר בנציון עבדי' מאסרי הי"ו

לרגל שמחת נשואי בתו עב"ג למעז"ט בשעטו"מ

## ומוה"ר יהושע גליק הי"ו

לרגל ארוסי בנו עב"ג למעז"ט בשעטו"מ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שמשמחות זו ישפע שפע
וברכה רבה לנו ולכל בני ישראל, ויזכו לראות דורות ישרים
ומוברכים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ותענוג
ונחת דקדושה כל הימים.

# יאמץ לבך

השואל: איינער פרעגט א שאלה אז ווען ער האט נסיונות, שפירט ער ווי ער איז נישט חשוב ביים אויבערשטן, ווייל אז דער אויבערשטער גיט אים א נסיון – איז דער אויבערשטער אים מרחיק פון אים?

מורינו שליט"א: **דאס אליין איז א נסיון!** ער זאל וויסן אז דער אויבערשטער וויל אים! ווי די קוקסט אויס איז פשט אז די ביסט ווייט פון מיר, די שפירסט נישט, ערשט וועל איך וויסן אז די ביסט א איד. זיין א איד בשעת מען שפירט (קרבת אלקים), איז טאקע א הויכע מדרגה. ממליך זיין דעם אויבערשטן בשעת מען שפירט נישט, איז מען ממליך דעמלטס דעם אויבערשטן אויף אלע וועלטן אסאך מער.

**ווייל וואס איז טייטש 'המלכה', איך וויל אזוי, אבער דער אויבערשטער וויל אנדערשט, טו איך ווי "ער" וויל!**

(מתוך שו"ת להבורת בחורים – י"ז שבט תשפ"ב לפ"ק)